שלום בערגער/ניו־יאָרק

# פֿרילינג: דער שפּיטאָל־סעזאָן אָדער געדאַנקען וועגן די שפּיטאָללידער פֿון ישׂראל שטערן

**דער** שפּיטאָל האָט אַ לאַנגע געשיכטע אין דער וועלט־ליטעראַטור (לייוויק, טשעכאָוו א״אַ), צווישן אַנדערע סיבות ווײַל ער איז אַ סבֿיבֿה פֿאַר זיך אַליין, מיט אייגענע העלדן, אימאַזשן און נאַטור־געזעצן. און ווי מיט יעדער טעמע קען מען אָפּלערנען אַ סך וועגן דעם מחבר דורך דעם, ווי אַזוי ער באַהאַנדלט „זײַן" שפּיטאָל.

ס'איז אויך אַזוי מיט ישׂראל שטערנס „שפּיטאָל"־סעריע, וואָס ווערט אַרײַנגענומען אין זײַן לידער און עסייען (פֿאַרלאַג ציקאָ, 1955). שטערן איז געווען איינער פֿון די וואַרשעווער שרײַבער פֿון די צווישן־מלחמהדיקע יאָרן, נאָר ווי עס שרײַבט ה. לייוויק אין זײַן אַרײַנפֿיר צום באַנד, איז ער ניט געווען קיין אָנהענגער פֿון קיין ליטעראַרישער באַוועגונג. אַפֿילו ווען ער איז נאָך געווען אין די יונגע יאָרן און האָט זיך טאַקע געפֿונען צווישן „די יונגע", איז ער ניט געווען קיין „זייעריקער". בשעת די אידעאָלאָגישע רײַסערײַען האָבן זיך געטומלט, האָט ער געלערנט אין שטיבל און געמאַכט שבת פֿאַר זיך.

שטערן פֿאַראינטערעסירט זיך מערסטנס מיט פֿילאָסאָפֿיש־טעאָלאָגישע פֿראַגעס פֿירגעבראַכט אויף אַ לירישן אופֿן. אַזוי ווי בײַ אַ חסיד אָדער אַ מקובל, איז זײַן גאָט אַן אימאַנענטער: ניט אַזוי ווי דער האַרצעדיקער טאַטע פֿון די תּפֿילות, נאָר גיכער ווי אַ לאָקערנדיקע כּמאַרע. דאָס זעלבע איז חל אויפֿן ליד „פֿרילינג אין שפּיטאָל", אין וועלכן דער נאַראַטאָר פֿאַררופֿט זיך בסדר אויף גאָט, כאָטש מערניט אַן איין־איינציק מאָל דערמאָנט ער אים בײַם נאָמען.

באַלד אין ערשטן טייל פֿון ליד דערוויסן מיר זיך, אַז דאָ גייט ניט אין קיין געוויינטלעכן שפּיטאָל. דאָ זײַנען די קראַנקע „לויטערע און צאַרטע". ס'איז זיי שוין קלאָר דאָס „רעטעניש" פֿון לעבן, און זיי „וואַרטן אָפּ די מעת־לעתן" ביז וואַנעט דער כּבֿיכול, וואָס שפּאַצירט צווישן זיי, וועט זיי אַרײַנברענגען. דערפֿאַר איז זייער שׂימחה אַזוי ווי בײַ דעם, וואָס „שיידט אָפּ מעשׂר": ווײַל דער איבערשטער אַליין וועט זיי אַרײַנטראָגן צו זיך אין שײַער אַרײַן.

דער צווייטער טייל איז אַן איבערפֿאָרמולירונג

פֿונעם ערשטן, ווי דער נאַראַטאָר שטעלט די (רעטאָרישע) פֿראַגע „פֿון וואַן?" דאָס הייסט, פֿון וואַנען נעמען זיך די עמאָציעס אויסגערעכנטע אין ערשטן טייל, וואָס האָבן, ווײַזט אויס, ניט דאָס געריכטע שײַכות צו אַ געוויינטלעכן שפּיטאָל־אַטמאָספֿער? דער קענטיקער ענטפֿער, וואָס באַווײַזט זיך ניט אין דעם טייל, איז – דער רבונו־של־עולם, דער וואָס גייט זיך אום אין שפּיטאָל (ווי ס'האָט געטאָן הקודש ברוך הוא אין גן־עדן).

די דרויסנדיקע שטאָט איז חושד דעם שפּיטאָל, ווײַל זי איז אַליין דאָך „אויסגעפּײַנערט" מיט די „לעצטע שטיקער בלוט פֿון טאָג": אירע טירן שליסן זיך בשעת עס הייבט זיך ערשט אָן די מעשׂה פֿון שפּיטאָל. וואָס ווייסט עס די שטאָט, וואָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל? וואָס קען זי וויסן?

די אימאַזשן וואָס דער נאַראַטאָר שטעלט פֿאָר זײַנען ניט נאָר אויסמאָלונגען פֿון דער שפּיטאָליקער לאַנדשאַפֿט, נאָר אַן אויסמעסטונג פֿון דער העכערער גײַסטלעכער מדרגה פֿון יענעם אָרט. אויף דער כּסדרדיקער שאלה פֿון נאַראַטאָר „וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן, וואָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל?" קומען תּירוצים ניט קיין פֿיזישע אָדער אָפּמאָלערישע, נאָר גיכער פּסיכאָלאָגיש־עקספּרעסיאָניסטישע.

אינעם פֿיפֿטן טייל פֿון ליד איז דאָ אַ וויכטיקער קאָנטראַסט צווישן דער דרויסנדיקער לאַנדשאַפֿט און דער אינעווייניקסטער, דער שפּיטאָליקער. דער טייל איז אַן ענטפֿער אויף דער קשיא צו די, וואָס זײַנען „אויף די גאַסן" – אַ דערקלערונג פֿון די מהותדיקע חילוקים צווישן די צוויי „שבֿטים" מענטשן. אין שפּיטאָל, צוליב שלאַפֿקייט, „טאָר מען קיין סך ניט גיין, שפּאַצירט מען – אין זיך אַליין,/ ווי אין אַ גאָרטן". יעדער פּאַציענט וואָגלט זיך „בײַ זיך אין גאָרטן", גלײַך ווי אין אַ פּרוּוו זיך אויסצוקויפֿן די ניט תּופֿס־זײַעוודיקע עבֿירות וואָס האָבן דערפֿירט צום איצטיקן מצבֿ.

נאָר די לאַנדשאַפֿט פֿון שפּיטאָל איז ניט קיין פֿרײַלעך אומאָפּהענגיקע, נאָר גיכער אַ טראַגיש אויסערגעוויינטלעכע. דאָרט הערשט אַ צעפֿאַלונג – די עצם זון גייט שטאַרבן, און די לעצטע גאַרבן בינדט מען אײַן, און די גאַנצע שפּיטאָלישע וועלט צענעמט זיך און לייגט זיך צונויף – אין שפּיטאָל „איז שטענדיק מינחה־צײַט": קומט אויס, אַז די אַלטערנאַטיווע לאַנדשאַפֿט וואָס האָט זיך געקענט אַנטקעגנשטעלן דער דרויסנדיקער, איז נאָר די שוואַרץ־ביטערע אָפּשפּיגלונג פֿון אַן אַחרית־הימים וואָס נענטערט זיך אומאײַנגענעם גיך.

דער קלימאַקס פֿון ליד קומט אויף אין זיבעטן טייל, ווי דער קאָנטראַסט צווישן שפּיטאָל און דרויסנדיקער וועלט ווערט דראַמאַטיש צעריסן דורך דעם צעפֿאַלן זיך – ניט פֿון שפּיטאָל, נאָר טאַקע פֿון דער דרויסנדיקער וועלט. אין דער סימנים־רײַכער וועלט פֿון שפּיטאָל, איז קלאָר אַז די דרויסנדיקע געשעענישן זאָגן נבֿיאות וועגן דעם מאָרגן. נאָר וואָס וועט זײַן?

אין די לעצטע טיילן פֿון ליד נעמען זיך צונויף די אָפּגעלאָזענע פֿעדעם פֿון פּאָעטישן בילד. „עמעץ וואַנדלט" אין שפּיטאָל, עמעצער וואָס פֿאַרמאָגט דאָס „אמתע פּנים" פֿון וועלכן די שפּיטאָלניקעס זײַנען „פֿאַרדימיונט". ער וואַנדערט אין שפּיטאָל, און מיט אַ לעצטן ווינטער־מעטאַפֿאָר נעמט צו אײַנציקווײַז די „מסוכּנדיקע" ביז עס בלײַבט נאָר די גאָטפֿיגור, דער נאַראַטאָר אַליין, וואָס איז אַליין „דער פֿרילינג אין שפּיטאָל".

אין תּוך גענומען, כאָטש דאָס ליד איז אַוודאי אַ טיפּס און אַ רײַכס (אַ סך מער ווי פֿיל הײַנטיקע לידער, סײַ אויף מאַמע־לשון, סײַ אויף גוייִש), איז אויך קלאָר אַז דער פּאָעט האָט ניט אײַנגעזעצט די קשיא פֿון שפּיטאָל־אַנדערשקייט, כאָטש ער האָט זי אַליין געפֿרעגט. די שלאַפֿע ווערן אַן אייגענע מעשׂה, אַן אייגענעם צוגאַנג, און דעם גאָט־נאַראַטאָרס לעצטע דערקלערונג, „איך בין דער פֿרילינג אין שפּיטאָל", איז גיכער אַן אַרויסדרייונג, איידער אַ תּירוץ.

דער לייענער דערמאָנט זיך אין משה קולבאַקס באַרימטן ליד „ווילנע" און דעם אויסרוף דעם התלהבֿותדיק געפּײַניקטן מיט וועלכן עס שליסט זיך: „איך בין די שטאָט!"

אָבער דער פּאָעט איז ניט די שטאָט, ניט דער פֿרילינג אין שפּיטאָל. דער פּאָעט איז אַ מענטש וואָס דאַרף זיך אַן עצה געבן מיט די אַרומיקע אָביעקטן, ניט צו באַהערשן אָדער באַווינען זיי, נײַערט צו פֿאַרטײַטשן זיי, הלוואַי צו פֿאַרשטיין זיי אויך.